האָבֿ איך בּאַטראַכט ווי אַ פֿאַרלוסט פֿאַר משיחס
8 וועגן. יאָ, איך בּאַטראַכט טאַקע אַלץ ווי אַ
פֿאַרלוסט פֿון וועגן דער דערהייבּנקייט פֿון דער
דערקענטעניש פֿונם משיח ישוע מיין האַר, צוליבֿ
וועמען איך האָבֿ אַלץ פֿאַרלוירן, און איך בּאַטראַכט
9 אַלץ ווי מיסט, כּדי איך זאָל געווינען משיחן, און
געפֿינען ווערן אין אים, נישט מיט מיין (אייגענער)
צדקות, וועלכע איז פֿון דער תּורה, נאָר מיט דער,
וואָס איז דורך גלויבּן אינם משיח,—ג־טס צדקות,
10 וועלכע קומט דורך אמונה; אַז איך זאָל אים קענען,
און די מאַכט פֿון זיין אויפֿשטיין (תּחית המתים),
און די חבֿרותאשאַפֿט פֿון זיינע עינויים, ענלעך־
11 ווערנדיק צו זיין טויט; אפֿשר וועל איך ווי עס
12 איז דערגרייכן צו תּחית המתים. נישט אַז איך האָבֿ
שוין דערגרייכט, אָדער בּין שוין פֿאָלקאָם געוואָרן;
נאָר איך יאָג נאָך, אפֿשר וועל איך אויך דערגרייכן,
ווי איך בּין דערגרייכט געוואָרן פֿונם משיח ישוע.
13 בּרידער, איך האַלט מיך נישט ווי איך וואָלט
שוין דערגרייכט, נאָר איין זאַך (טו איך): איך
פֿאַרגעס דאָס, וואָס פֿון הינטן, און שטרעק מיך
14 אויס נאָך דעם, וואָס איז פֿאַר מיר, איך יאָג מיך
צום ציל נאָך דעם שׂכר פֿון ג־טס הייכער בּאַרופֿונג
15 אינם משיח ישוע. דעריבּער, אַזעלכע וואָס זענען
שוין שלימותדיק, לאָמיר דענקען דאָס דאָזיקע; און
אויבֿ איר דענקט אַנדערש וועגן עפּעס, אויך דאָס
16 דאָזיקע וועט ג־ט אייך אַנטפּלעקן; דאָך, לאָמיר
וואַנדלען לויט דעם, וואָס מיר האָבּן שוין דער־
גרייכט.
17 בּרידער, זייט מיינע מיטנאָכפֿאָלגער; און פֿאַרקוקט
זיך אויף די, וואָס וואַנדלען אַזוי, ווי איר האָט
18 אונדז פֿאַר אַ בּיישפּיל. וואָרום אַ סך וואַנדלען,